מקוים ווערן ביי מיר דער פסוק הגבהתי עץ שפל, איך האב אויפגעהויבן א נידריגן בוים.

דער באשעפער זאל שוין דערפרייען די צעבראכענע הערצער, צעשמעטערט און צעשאסן, און מיר זאלן אלע אפגעשריבן ווערן צו א גוט געבענטשט יאר אמן, ע"כ.

## די תוה"ק קומט פאר אלעמען

דער פאיער רב פלעגט איבערזאגן וואס ער האט געהערט פון רבי'ן אין א דרשה בר"ה שחל להיות בשבת, אז חז"ל האבן גוזר געווען אז ווען ר"ה פאלט אין שבת זאל מען נישט בלאזן קיין שופר צוליב די גזירה פון שמא יעבירנו ד"א ברה"ר, ווייל אפשר וועט זיך טרעפן א איד וואס איז נישט בקי אין די ברכות פון די תקיעות און ער וועט זיך צוליב דעם פארגעסן און טראגן דעם שופר פיר אמות אויף די גאס, און מחלל שבת זיין.

האט דער רבי געזאגט, אז פון דעם לערנען מיר א מורא'דיגע זאך. עס איז באקאנט אז תק"ש טוט אויף מורא'דיגע זאכן אויבן אין הימל לטובת כלל ישראל, עס איז מעלה זכרונם של ישראל לטובה, ס'איז ממתיק די דינים און מעורר רחמים אויף כלל ישראל. לויט ווי חז"ל זאגן, איז דער שופר מעורר מקרב צו זיין ביאת המשיח און די גאולה וישועתן של ישראל. אויב אזוי, פארוואס האבן די חכמים מבטל געווען אזא מצוה צוליב אזא ווייטן חשש אז אפשר וועט איינער אן אומוויסענדער איד טראגן דעם שופר אין שבת?

נאר פון דעם זעען מיר ווי ווייט די ישועה און גאולה פון כלל ישראל מוז זיין פארבונדן מיט קיום התוה"ק, ווי דער רמב"ם שרייבט (פ"ג מהל' תשובה), אין ישראל נגאלין אלא בתשובה. די גאולה וועט נישט קענען זיין נאר מיט תשובה. דעריבער האבן די הייליגע חכמים ענדערש מוותר געווען אויף די געוואלדיגע סגולות פון תק"ש וואס קען ברענגען די גאולה, אויב עס איז מעגליך אז איין איד וועט צוליב דעם מחלל שבת זיין!

פון דעם לערנען מיר ווי ווייט מ'דארף זיך היטן פון א גאולה וואס איז נישט פארבונדן מיט די תורה, בפרט פון א גאולה וואס איז קעגן די תורה, דארף מען דערפון אנטלויפן.

## תשליך

דער פאיער רב האט דערציילט, אז דאס ערשטע יאר ווען דער רבי איז אנגעקומען קיין אמעריקע, דעם צווייטן טאג ר"ה שנת תש"ז, האט דער רבי געזאגט תשליך אין טאג ר"ה, כאטש געווענליך פלעגט דער